אח"ח 1234567
אוצר החכמה

# שירים וזמירות קודש

## באידיש

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
אמרי אש - פורים, ארבע פרשיות : צדיקי ספינקא (28) {28} עמוד מס : 226 הודפס ע"י אוצר החכמה

# אַ באַל אִין הִימְל

## שנהגו לזמר אצל מרן החקל יצחק זי"ע

## בפורים, אחרון של פסח, שמחת תורה

### א

א באל אין הימל איז פאר אונז אנגעגרייט,
מיר זענען אלע געלאדנט צום חתן.
א זאל מיט קרודענצין איז פאר אונז בערייט,
אינמיטן ליגט דער לויתן.

מלאכים אלס משרתים שטייען,
און ג-ט איז דער סארוועער אליין,
ער טיילט דאך א יעדן וויפיל ער איז ווערט.
דער סארוועער גייט א קריין,
און טיילט א יעדן נאך זיין לוין,
אלעס איז ביי אים, ריכטיג אויפגעקלערט.

אבער דער וואס איז נישט געלאדנט אויף דער באל,
דעם לאזט מען נישט אריין אין דעם זאל,
מעג ער דער גרעסטער מיוחס זיין,
קיין שקר, קיין חנופה, איז דארט נישט פאראן.

**צדיקים זיצן פריילִיך,**
**און אויבן זיצט דער מֶלֶךְ,**
**די משרתים די מלאכים באדינען אקוראט.**
**דער סארוועער זעט אליין,**
**אז א צדיק קומט צו גיין,**
**פירט ער אים אריין, מיט כבוד און פאראד.**

### ב

מיט אלע גאטונג פרוכטן איז דער זאל אויסגעהאנגען,
די זון מיט איר שיינהייט אויף זיי לייכט,
אין גוטן וועג ווער עס איז געגאנגען,
דער ווערט אהין מיט פאראד געבראכט.
דער וואס האט די הייליגע תורה געלערנט,
און דעם בורא נישט דערצערנט,
ער האט אלעס ריכטיג געצילט,
זיין ווינטש האט ער ערפילט.

דער ווערט אהין, מיט כבוד געפירט,
און מיט בריליאנטען אויסגעצירט.
אבער ווער עס האט אלעס געטוען פונקט פארקערט
און דעם בורא נישט צוגעהערט,
דער מוז אינדרויסן שטיין,
און זאל, אויפ'ן באל, טאר ער נישט אריינגיין,

**צדיקים זיצן פריילִיך,**
**און אויבן זיצט דער מֶלֶךְ,**
**די משרתים די מלאכים באדינען אקוראט.**
**דער סארוועער זעט אליין,**
**אז א צדיק קומט צו גיין,**
**פירט ער אים אריין, מיט כבוד און פאראד.**

### ג

א יעדער צדיק זיצט זיך אויף זיין שטול,
און די ביימער שטייען אינמיטן זאל,
חיות און עופות זענען דארט פיל,
און פון אונטן גייט א שטארקע קוואל.

די כלה מיט'ן חתן,
דעם שור הבור מיט'ן לויתן,
זיי האבן אויך א שמחה מיט די חשוב'ע געסט.
זיי בעטן זיך אליין,
צו אונז זאלט איר קומען צו גיין,
ביי אונז וועט איר האבן גאר די גוטע קעסט.

דוד המלך זיצט זיך איינגעהילט,
ער האלט דעם פידל און ער שפילט,
דער סארוועער קומט אליין אריין,
און געט פאר א יעדן, א בעכער מיט וויין.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

מ'עסט און מ'טרינקט,
מ'זינגט און מ'שפילט,
די שמחה איז גאר, אויף דעם העכסטן גראד.
מלאכים אלע ערליי,
שטייען נעבן זיי,
זיי פירן אריין די געסט מיט כבוד און פאראד.

**צדיקים זיצן פרייליך,**
**און אויבן זיצט דער מֶלֶךְ,**
**די משרתים די מלאכים באדינען אקוראט.**
**דער סארוועער זעט אליין,**
**אז א צדיק קומט צו גיין,**
**פירט ער אים אריין, מיט כבוד און פאראד.**

### ד

ביי דער זייט פון טויער שטייט א וואך,
דאס איז דאך אברהם אבינו אליין,
צו אים קומען מענטשן גאר אסאך,
אבער נישט א יעדן לאזט מען אריינגיין.

ווי ער שטייט אזוי ביי די טיר,
קומט איינער צו צו איר,
ער שרייט ער איז א יחסן, ער האט אלעס געטוען בהיתר.
אוי! א גוטן איד האב איך געהאט,
פון די מאמע'ס צד,
א זיידן א מגיד א רב א פעטער.

אבער דער וועכטער קוקט אים אן און לאכט,
יונגערמאנטשיק! אבער וואס האסטו אליין אהער געבראכט,
ווייז נאר דיין בילעט געשווינד,
איך האב נישט, זאגט ער, גראדע ביי מיר אצינד.

לאזט נאר מיך אריין,
איך וויל ביי מיין זיידן זיין,
ער האט אסאך בילעטן און מיינעם אויך ביי זיך,
דער וועכטער ענטפערט דא איז קיין סיקרעטן,
דא מוז מען האבן בילעטן,
גיי אוועק פון דאנען דא ביזטו קיין בטוח.

**צדיקים זיצן פרייליך,**
**און אויבן זיצט דער מֶלֶךְ,**
**די משרתים די מלאכים באדינען אקוראט.**
**דער סארוועער זעט אליין,**
**אז א צדיק קומט צו גיין,**
**פירט ער אים אריין, מיט כבוד און פאראד.**

### ה

דער וועכטער איז שטענדיג גרייט,
צו רעווידירען די געסט וואס קומען אן צו די טיר,
מיט איינמאל קומט זיך אן א גרעפין ברייט,
זי וויל אויך אנקוקען דאס אידישע קווארטיר.

זי שרייט זי איז רייך,
זי וועט געבען געלט אסאך,
לאזט מיר נאר אריין אויף אן אויגן-בליק,
איך וועל ענק געבען געלט וויפיל איר ווילט,
ווייל ביי מיר געלט קיין ראלע שפילט,
איך וועל מיך נישט פארזוימען איך גיי שוין באלד צוריק

דער וועכטער לאכט זיך אוים פון איר,
ער זאגט! די טיר איז צו שמאל פאר דיר,
די ביזט דאך זייער ברייט און גרויס,
אויף אזעלכע געסט, ווי דו ביזט, קוקן מיר נישט ארויס.

גיי פון דא, געשיקט,
צו דעם וואס אויף דיר קוקט,
גיי שוין גיכער ווייל מ'ווארט אויף דיר דארט.
אהין זאלסטו גייען,
דארט וועט מען דיך דערפרייען,
דארט זאלסטו וואוינען ווייל דארט איז דיין ארט.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמרי אש - פורים, ארבע פרשיות : צדיקי ספינקא (28) {28} עמוד מס: 228 הודפס ע"י אוצר החכמה

**צדיקים זיצן פרייליך,**
**און אויבן זיצט דער מֶלֶךְ,**
**די משרתים די מלאכים באדינען אקוראט.**
**דער סארוועער זעט אליין,**
**אז א צדיק קומט צו גיין,**
**פירט ער אים אריין, מיט כבוד און פאראד.**

ו

די געשמאקן פון די ביימער זענען צוקער זיס,
און אנגענעמער גערוך שפירט מען דארטן.
א יעדער איינער וואלט זיך געוואונטשן צו האבן דעם זכות,
צו שפאצירן אין דעם גארטן.

מ'קומט צו פארן פון ווייטע לענדער,
הערן מיט הויכע צילינדער,
אריין צו גיין אין גארטן, דאס איז זייער פלאן.
ער שרייט ער איז א שררה,
צען טויזענט דאלער איז ביי אים א כפרה,
ער האט א סאך גיטער, ער איז א רייכער מאן.

אבער דער וועכטער שטייט אויך דארט,
און ער רעוודירט אים אויפ'ן ארט,
ער געפינט אין אים א פלעק,
האסט נישט געגעבן קיין צדקה, גיי'זשע פון דאנעט אוועק.

האסט דיך צופיל ערלויבט,
ארימעלייט האסטו בארויבט,
צו וואס טויג מיר דיין עשירות, מיט דיין פיל געלט.
ער געט אים איבער צו יענעם,
צום שר פון גיהנם,
דארט זאלסטו וואוינען, ווייל דארט איז דיין וועלט.

**צדיקים זיצן פרייליך,**
**און אויבן זיצט דער מֶלֶךְ,**
**די משרתים די מלאכים באדינען אקוראט.**
**דער סארוועער זעט אליין,**
**אז א צדיק קומט צו גיין,**
**פירט ער אים אריין, מיט כבוד און פאראד.**

ז

מיט דעם קאפ איינגעבויגען קומט זיך אן ארימאן,
און דעם בילעט האט ער ביי זיך אין טאש.
דא אויף דער סעודה וויל איך אויך זיין,
ער שטעלט זיך אנידער ברייט מיט קוראזש.

איך האב פיל צרות געליטן,
דערפאר וויל איך דא זיין א מחותן,
ווייל אויף דער סעודה האב איך שוין לאנג געווארט.
מיין בילעט נאר גיט א באטראכט,
וואס איך האב אהער געבראכט,
איך גיי נישט פון דאנעט, ער איז איינגעשפארט.

דער וועכטער געט אים באלד די האנט,
און זאגט אים דו ביסט מיר שוין לאנג באקאנט,
ער געט אים באלד אן ארט,
אלע אינאיינעם זיצן פרייליך דארט.

דארט זיצן אלע גלייך,
סיי ארים סיי רייך,
די משרתים די מלאכים באדינען אקוראט.
דער סארוועער זעט אליין,
ווען א צדיק קומט צו גיין,
פירט ער אים אריין מיט כבוד און פאראד.

**צדיקים זיצן פרייליך,**
**און אויבן זיצט דער מֶלֶךְ,**
**די משרתים די מלאכים באדינען אקוראט.**
**דער סארוועער זעט אליין,**
**אז א צדיק קומט צו גיין,**
**פירט ער אים אריין, מיט כבוד און פאראד.**

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

# סאָל אָה קאָקאָש מאַר

מהרה"ק מקאלוב זי"ע

### א

| | |
|---|---|
| סאָל אָה קאָקאָש מאַר, | קרייען טוט שוין דער האן, |
| מוֹיְד מֶגְוִירָד מאַר, | דער טאג טאגט שוין אן, |
| זְלְד עֶר־דְהֶן, | אין א גרינעם וועלדל, |
| שִׁיק מֶ־זֶבֶן, | נעבן א פוסטן פעלדל, |
| שֶׁיְטַל עֶדְיְ מָהְדַר. | א פייגעלע שפאצירט ארום. |

### ב

| | |
|---|---|
| דֶמִיטְשָׁה דָה מָהְדַר? | וואס פאר א פויגל איז דאס? |
| דֶמִיטְשָׁה דָה מָהְדַר? | וואס פאר א פויגל איז דאס? |
| שַׁרְגָא לַבָּא דוֹשְׁינְדוֹשְׁי אָה סַיָּה, | געלע פיסל, פערל פיסקל, |
| אֶיְנְגֶם אָדָה וַר. | קיין ירושלים וויל זי גיין. |

### ג

| | |
|---|---|
| וַרְיְ מָהַדַר וַרְיְ, |ווארט פייגעלע ווארט, |
| וַרְיְ מָהַדַר וַרְיְ, | ווארט פייגעלע ווארט, |
| הָה אָהז אִישׁ־טֶן נֶקֶד רֶנְדֶל, | אז גאט וועט דיר באשערן, |
| אָה טִיעֶט לֶסֶג מַר. | וועסטו קיין ירושלים אום קער |

### ד

| | |
|---|---|
| דֶמִקָהְר לֶם אָהְז מַר? | ווען וועט דאס זיין? |
| דֶמִקָהְר לֶם אָהְז מַר? | ווען וועט דאס זיין? |
| יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ עִיר צִיּוֹן תְּמַלֵּא, | יִבָּנֶה הַמִּקְדָּשׁ עִיר צִיּוֹן תְּמַלֵּא, |
| אָהְקָהְר לֶם אָהְז מַר. | דעמאלט וועט דאס זיין. |

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה

# הומים צועקים – שִׁירְנָהְק רִינָהְק

## מהרה"ק מקאלוב זי"ע

(תורגם לאידיש ע"י הרה"צ ר' ישכר בעריש אייכענשטיין זצ"ל, אדמו"ר מזידיטשוב)

### א

שִׁירְנָהְק רִינָהְק אָה בַּרַנְיָהְק, הוֹמִים צוֹעֲקִים צֹאן קָדָשִׁים,
פְּהָנְהָסְקָהְדְנָהְק אָה - יָהַסְנָהְק, תַּחַן עוֹרְכִים לְרוֹעֵיהֶם,
אֶי! דֶ מָנְדִיָה מֶג אָה־גָהְזְדָה־יַנָּהְק, יֹאמַר נָא לַאֲדוֹנֵהוּ,
אָהְדְיַ־הְן סֶינַט אָה - יָהַנָּהְק. יִתֵּן מִסְפּוֹא לְצֹאנֵהוּ.

עס וויינען און שרייען די שעפעלעך זעהר,
צו דעם פאסטוך אָן אַן אויפהער,
צו דעם פאסטוך אָן אַן אויפהער.
אוי, ער זאל זאגן, פאר'ן הער,
ער זאל געבן צו עסן, פאר די שעפעלעך מער,
ער זאל געבן צו עסן, פאר די שעפעלעך מער.

### ב

דֶ־אָה גָהְזְדָה אָהְזְט פֶּלֶלְי, אֲבָל אָדוֹן מֵשִׁיבֵהוּ,
וָהְן - אָה - בָּקָהְר - בָּהְן קָסֶדְהֶטִי, יֶשׁ עוֹד צֶמַח בְּשָׁרְשֵׁהוּ,
דֶ־אָה - יָ־הַם אָהְזְט־פֶּלֶלְי, אֲבָל רוֹעֶה מֵשִׁיבֵהוּ,
הָה - אָה - נַ־יַט אִדְי - טֶלֶלְי, אִם כֹּה יִהְיֶה מַאֲכָל צֹאנֵהוּ,
יְ־ן נִירַדָה מֶג - נֶם - פֶּי. לְקַיִץ הַבָּא כַּל יַחֲלִיבֵהוּ.

אבער דער הער ענטפערט אים מיט צארן,
אז אין שייער איז נאך דא קארן,
אז אין שייער איז נאך דא קארן.
אוי אבער דער פאסטוך ענטפערט אים אויף דעם,
אז ער וועט אין ווינטער, פאר די שעפעלעך נישט צום עסן געהן,
וועט ער אין זומער, זייער מילך נישט זען,
וועט ער אין זומער, זייער מילך נישט זען.

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה

### ג

וָהָן קָיט - הֶט וָהְדִי אִישׁ - הָרָהְם,
הָהְדִי אָה - סָמָהְדָה־מָה־טְ אֶד - וָרָהְם,
דֶ - אָה - מָהְט־יְן אָה - סָהְמַר - הָטָהְן,
טָהְלַן אָהְז - לֶס אָהְקְט - וָרָהְם.

יֵשׁ עוֹד שָׁבוּעַ אוֹ שְׁתַּיִם,
אֲשֶׁר אֲחַכֶּה לְמִסְפַּר הַצֹּאן בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם
אַךְ שָׁם בָּא רוֹכֵב עַל הַחֲמוֹר,
אוּלַי זֶה יִהְיֶה גּוֹאֵל הַדּוֹר.

עס איז דא איינס אדער צוויי וואכן פארלאפן,
וואס אויף אונזער אויסלייזער, טוען מיר האפן,
וואס אויף אונזער אויסלייזער, טוען מיר האפן,
אוי, דארט קומט ער, אויפ'ן איזל'ס רוקן,
אפשר איז דאס דער אויף וועמען מיר טוען ארויסקוקן,
אפשר איז דאס דער אויף וועמען מיר טוען ארויסקוקן.

### ד

יָהְנָהְפָּהְט יָהְנָהְפָּהְט אֶידֶשׁ קָדֶשׁ קְשׁבּוֹטַרָם,
יָהָהְאִמְבָּהְן וָהְן - אֶ - קַרָהְם,
דֶ - אָה - יָהַם אָהְזָט פֶּלֶי,
מִגּ־אָן - לֶסֶג אָה־קֶנְד - בּוּ טַרְיָ־הּ,
יָ־הָה אִבָּהְן נֶם־לֶס קַרְיָ־הּ.

שָׁלוֹם עָלֶיךָ רוֹעִי נֶאֱמָנִי,
סַפֵּר נָא לִי מִשְּׁלוֹם צֹאנִי,
אֲבָל רוֹעֶה מְשִׁיבֵהוּ,
עַד שֶׁאֲנִי אֶהְיֶה רוֹעֵהוּ,
כָּל יֶחְסַר מִצֹּאנֵהוּ.

פרידן צו דיר מיין טייערער פאסטוך,
זאג מיר נאר שנעל, וואס טוען מיינע שעפעלעך,
זאג מיר נאר שנעל, וואס טוען מיינע שעפעלעך,
אוי, אבער דער פאסטוך, ענטפערט אים אן א קלער,
ווילאנג איך בין דער פאסטוך, פונ'ם הער,
וועט פאר זיינע שעפעלעך נישט געשען קיין מילעער,
וועט פאר זיינע שעפעלעך נישט געשען קיין מילעער.

# אתה בן אדם

## מהרה"ק מקאלוב זי"ע

אַתָּה בֶן אָדָם באזין דיך,
דו וועסט דארפן אנצוגעבן דין וחשבון פאר
יעדן טאג פון דער וואך,
נעבעך נעבעך טוה שוין תשובה עד שלא
תחשך השמש,
טוה שוין תשובה איידער דער פינסטערניש
דעקט דיך צו.

בְּמִסְתָּרִים תִּבְכֶּה נַפְשִׁי,
וְלִבִּי נִשְׁפַּךְ כַּמַּיִם,
נעבעך נעבעך וואס וועסטו ענטפערן פאר דעם
א־ל חי וקים.

נישט קיין גמרא נישט קיין משניות,
נישט קיין סברות נישט קיין ראיות,
נעבעך נעבעך פון וואנעט וועט די הייליגע
נשמה נעמען איר חיות.

צו דברים בטלים געבסטו דיך די מי,
זיי באטש כובש דעם יצר הרע דערצו,
נעבעך נעבעך טו שוין תשובה איידער דער
פינסטערניש דעקט דיך צו.

הִרְהַרְתָּ הִרְהוּרִים רָעִים,
דורך דעם ביסטו געקומען צו חטאים,
נעבעך נעבעך וואס וועסטו ביום הדין טוען.

וְאָכַלְתָּ וְשָׁתִיתָ וְלֹא דִקְדַּקְתָּ בִּבְרָכָה,
דו האסט נישט מדקדק געווען אין קיין ברכה
נעבעך נעבעך וואס וועסטו ענטפערן פאר דעם
א־ל המערכה.

זִלְזַלְתָּ נִשְׁמָתְךָ וְגוּפְךָ,
דו האסט מזלזל געווען דיין נשמה מיט דיין
גוף,
דו האסט זיי נישט געהאלטען ביוקר,
נעבעך נעבעך וואס וועסטו ענטפערן פאר דעם
א־ל ערב ובוקר.

חֲמוֹל עַל נַפְשְׁךָ הָעֲלוּבָה,
האב רחמנות אויף דיין נפש עלובה,
נעבעך נעבעך דו זאל נישט קומען צו קיין
בושה וכלימה.

טִמֵּאתָ וְלֹא טִהַרְתָּ,
הִרְבֵּיתָ שְׁגָגוֹת וּזְדוֹנוֹת,
נעבעך נעבעך וואס וועסטו ענטפערן פאר דעם
א־ל עליונות ותחתונות.

יוֹדֵעַ תַּעֲלוּמוֹת,
רבונו של עולם האב אויף אונז קיין תרעומות
צו דאגות פרנסה געבן מיר זיך די מי,
נעבעך נעבעך וואס זאלן מיר טוען אז דער
כובד הגלות דעקט אונז צו.

# גלות גלות

## מהרה"ק מקאלוב זי"ע

וואלד וואלד ווי גרויס ביסטו,
רויז רויז ווי ווייט ביסטו.
ווען מען וואלט דעם וואלד אוועק גענומען,
וואלטן מיר זיך אינאיינעם צוזאמען געקומען.

גלות גלות ווי גרויס ביסטו,
שכינה הקדושה ווי ווייט ביסטו.
ווען מען וואלט דעם גלות אוועק גענומען,
וואלטן מיר זיך אינאיינעם צוזאמען געקומען.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה

# רבונו של עולם איך וועל מיט דיר מאכן א בייט

## מהרה"ק מבארדיטשוב זי"ע

רבונו של עולם
איך וועל מיט דיר מאכן א בייט,
**א בייט וועל איך מיט דיר מאכן.**
ווייסטו וואס דער בייט וועט זיין,
**זאג איך דיר.**
איך וועל דיר געבן חטאים עוונות ופשעים,
**אזי זויי טאטע.**

טאמער ווילסטו פרעגן וואס דו וועסט מיר געבן דערפאר,
**זאג איך דיר.**
דו וועסט מיר געבן מחילה סליחה וכפרה,
**אזי זויי טאטע.**

טאמער וועסטו מיינען גלייך אויף גלייך,
**ניין זאג איך דיר.**
דו וועסט מיר נאך צוגעבן, בני חיי ומזוני,
**אזי זויי טאטע.**

טאמער וועסטו פרעגן וואס בני הייסט,
**זאג איך דיר.**
בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות,
**אזי זויי טאטע.**

טאמער וועסטו פרעגן וואס חיי הייסט,
**זאג איך דיר.**
חי חי יודוך וישבחוך,
**אזי זויי טאטע.**

טאמער וועסטו פרעגן וואס מזוני הייסט,
**זאג איך דיר.**
ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך,
**אזי זויי טאטע.**

דַבֵּר, צו וועמען רעדסטו – אל בני ישראל.
אֱמוֹר, צו וועמען זאגסטו – אל בני ישראל.
צַו, וועמען באפעלסטו – אל בני ישראל.
פרעג איך דיר רבונו של עולם
פארוואס נאר אל בני ישראל?
מוז דאך זיין, חביבים ישראל שנקראו בנים למקום,
**אזי זויי טאטע.**

די מצריים שרייען
אז זייער גאט איז א גאט,
**ניין זאג איך דיר.**

די פרסיים שרייען
אז זייער גאט איז א גאט,
**ניין זאג איך דיר.**

די מינים ואפיקורסים שרייען
ס'איז חלילה נישטא קיין גאט,
**יא זאג איך דיר.**
אבער איך לוי יצחק בן שרה סאשע זאגט
**יתגדל ויתקדש שמי' רבא!**

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

# אוֹם אֲנִי חוֹמָה

## מהרה״ק מבארדיטשוב זי״ע

לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.
לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.

איין מעלה איז, אוֹם אֲנִי חוֹמָה,
און נאך א מעלה איז, בָּרָה כַּחַמָּה,
כאטש כאטש כאטש, גּוֹלָה וְסוּרָה,
דאך דאך דאך, דָּמְתָה לְתָמָר.

לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.
לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.

נעבעך נעבעך נעבעך, הַהֲרוּגָה עָלֶיךָ,
נעבעך נעבעך נעבעך, וְנֶחֱשֶׁבֶת כְּצֹאן טִבְחָה,
כאטש כאטש כאטש, זְרוּיָה בֵּין מַכְעִיסֶיהָ,
דאך דאך דאך, חֲבוּקָה וּדְבוּקָה בָּךְ.

לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.
לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.

נאך א מעלה איז, טוֹעֶנֶת עֻלָּךְ,
און ווידער א מעלה איז, יְחִידָה לְיַחֲדָךְ,
כאטש כאטש כאטש, כְּבוּשָׁה בַּגּוֹלָה,
דאך דאך דאך, לוֹמֶדֶת יִרְאָתָךְ.

לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.
לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.

נעבעך נעבעך נעבעך, מְרוּטַת לֶחִי,
נעבעך נעבעך נעבעך, נְתוּנָה לְמַכִּים,
כאטש כאטש כאטש, נְתוּנָה לְמַכִּים,
דאך דאך דאך, סוֹבֶלֶת סִבְלָךְ.

לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.
לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.

כאטש כאטש כאטש, עֲנִיָּה סֹעֲרָה,
דאך דאך דאך, פְּדוּיַת טוֹבִיָּה.

לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.
לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.

ווי אזוי הייסן זיי, צֹאן קָדָשִׁים,
און ווי אזוי פארזאמלען זיי זיך,
קְהִלּוֹת יַעֲקֹב,
ווי אזוי צייכענען זיי זיך, רְשׁוּמִים בִּשְׁמֶךָ,
וואס שרייען זיי, שׁוֹאֲגִים הוֹשַׁע נָא.
אויף וועמען אויף וועמען פארלאזן זיי זיך,
תְּמוּכִים עָלֶיךָ.
און איבער דעם בעטן מיר טאקע,
הוֹשַׁע נָא.

לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.
לאמיר דערציילן, לאמיר דערציילן,
די מעלות פון אידישע קינדער.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
אמרי אש - פורים, ארבע פרשיות: צדיקי ספינקא (28) {28} עמוד מס: 235 הודפס ע״י אוצר החכמה

# אודה לא-ל

מהרה"ח ר' אלחנן זאב קלאגסבאלד הי"ד שו"ב בטשעבין

### א

אוֹדֶה לָאֵל לֵבָב חוֹקֵר.
בְּרָן יַחַד כּוֹכְבֵי בֹקֶר.
בְּרָן יַחַד, בְּרָן יַחַד.
כּוֹכְבֵי כּוֹכְבֵי בֹקֶר.

**געלויבט ביסטו, קודשא בריך הוא,**
**דו ווייסט וואס יעדער טוט אין הארצן קלערן,**
**איך לויב און דאנק, מיט מיין געזאנג,**
**צוזאמען מיט אלע מארגן שטערן.**

### ב

שִׁימוּ לֵב אֶל הַנְּשָׁמָה.
לְשֵׁם שְׁבוֹ וְאַחְלָמָה.
וְאוֹרָהּ כְּאוֹר הַחַמָּה.
שִׁבְעָתַיִם כְּאוֹר הַבֹּקֶר.

נעם דיר נאר גוט אין אכט,
אז די נשמה די שיינע פראכט,
זי זאל נישט קומען צו קיין שאנד,
ווייל זי איז א דימאנט און א בריליאנט,
דו מוזט דאך וויסן דערפון,
אז זי לייכט ווי די זון,
זיבן מאל מער ווי דער פרי בעגין.

**געלויבט ביסטו, קודשא בריך הוא,**
**דו ווייסט וואס יעדער טוט אין הארצן קלערן,**
**איך לויב און דאנק, מיט מיין געזאנג,**
**צוזאמען מיט אלע מארגן שטערן.**

### ג

מִכִּסֵּא כָבוֹד חֻצָּבָה.
לָגוּר בְּאֶרֶץ עֲרָבָה.
לְהַצִּילָהּ מִלֶּהָבָה.
וּלְהָאִירָהּ לִפְנוֹת בֹּקֶר.

איר שטאם איז לויטער און ריין,
פון כסא הכבוד אליין,
און מיט איר גרויסן ווערד,
פלאנטערט זי אויף די ערד,
דארף מען היטען זי,
ווי פון א פייער און ווי פון א ברי,
זי זאל שיינען און לייכטן יעדן מארגן פרי.

**געלויבט ביסטו, קודשא בריך הוא,**
**דו ווייסט וואס יעדער טוט אין הארצן קלערן,**
**איך לויב און דאנק, מיט מיין געזאנג,**
**צוזאמען מיט אלע מארגן שטערן.**

### ד

עוּרוּ נָא כִּי בְּכָל לַיְלָה.
נִשְׁמַתְכֶם עוֹלָה לְמַעְלָה.
לָתֵת דִּין וְחֶשְׁבּוֹן מִפְּעָלָהּ.
לְיוֹצֵר עֶרֶב וָבֹקֶר.

וואך פון שלאף אויף,
און נעם דיר גוט אין באטראכט,
אז די נשמה גייט ארויף,
אין הימל יעדע נאכט,
דין וחשבון יעדן טאג,
מוז זי געבן איר זאג,
פאר דעם יוצר וואס האט באשאפן נאכט און טאג

**געלויבט ביסטו, קודשא בריך הוא,**
**דו ווייסט וואס יעדער טוט אין הארצן קלערן,**
**איך לויב און דאנק, מיט מיין געזאנג,**
**צוזאמען מיט אלע מארגן שטערן.**

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה

ה

יִמְצָאֶהָ מְטֻנֶּפֶת.
מְעֻוֹנוֹת וְתוֹסֶפֶת.
כְּמוֹ שִׁפְחָה נֶחֱרֶפֶת.
תָּמִיד בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר.

אוי איז דאס נישט גוט,
ווי שלעכט איז די מינוט,
ווען זי ווערט פארגעפירט,
באדעקט מיט זינד און פארשמירט,
א פנים האט זי רעכט,
ווי א שפחה און ווי א קנעכט,
ווען און ווי, יעדען אינדערפרי.

**געלויבט ביסטו, קודשא בריך הוא,**
**דו ווייסט וואס יעדער טוט אין הארצן קלערן,**
**איך לויב און דאנק, מיט מיין געזאנג,**
**צוזאמען מיט אלע מארגן שטערן.**

ו

יִמְצָאֶהָ מְקֻשֶּׁטֶת.
בְּטַלִּית וְטוֹטֶפֶת.
כְּמוֹ כַּלָּה מְקֻשֶּׁטֶת.
תָּמִיד בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר.

דער מענטש שפילט דעמאלט דאס גליק,
ווען ער טוט דעם באשעפער'ס ווילן,
קומט די נשמה צוריק,
באקריינט מיט טלית און תפילין,
באצירט און באשיינט איז זי,
ווי א כלה כמות שהיא,
שטענדיג אלעמאל אינדערפרי.

**געלויבט ביסטו, קודשא בריך הוא,**
**דו ווייסט וואס יעדער טוט אין הארצן קלערן,**
**איך לויב און דאנק, מיט מיין געזאנג,**
**צוזאמען מיט אלע מארגן שטערן.**

ז

הַנֶּאֱמָן בְּפִקְדוֹנוֹ.
יַחֲזִירֶנָּה לוֹ כִּרְצוֹנוֹ.
אִישׁ לֹא נָגַע בַּעֲוֹנוֹ.
וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר.

באגלייבט איז דער באשעפער און קראנט,
מיט דעם משכון מיט דעם פאנד,
זי צוריק צו שטעלן ריין,
ווי דער מענטש וויל אליין,
ער שטייט אויף פריש און געזונט,
ער שטארבט נישט פון זיין זינד,
ווידער א נאכט ווידער א טאג אויך אצינד.

**געלויבט ביסטו, קודשא בריך הוא,**
**דו ווייסט וואס יעדער טוט אין הארצן קלערן,**
**איך לויב און דאנק, מיט מיין געזאנג,**
**צוזאמען מיט אלע מארגן שטערן.**

ח

וְהַחַיוּ הָעֲנִיָּה.
יְחִידָה תַּמָּה וּנְקִיָּה.
וַאֲשֶׁר נַפְשׁוֹ לֹא חִיָּה.
אֵיךְ יִזְכֶּה לְאוֹר הַבֹּקֶר.

טוטס זיך טראכטן און קלערן,
ווי אזוי די נשמה צו ערנערן,
די נשמה די איינע,
די שיינע די ריינע,
ווייל דער וואס גיט זיך נישט די מי,
ווי אזוי צו שוינען און צו היטן זי,
ווי וועט ער זוכה זיין צו די לעכט פון דער פרי.

**געלויבט ביסטו, קודשא בריך הוא,**
**דו ווייסט וואס יעדער טוט אין הארצן קלערן,**
**איך לויב און דאנק, מיט מיין געזאנג,**
**צוזאמען מיט אלע מארגן שטערן.**

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה